ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת


# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתנ"ו
ראש השנה - שבת שובה
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז׳ רמה) עס דערציילט אונז

**הגה"צ רבי מנחם מאיר ווייסמאנדל שליט"א – אב"ד נייטרא מאנסי**

## דער גרויסער כח פון תפילה אין די הייליגע טעג

עס איז געווען בימי בחרותי ווען איך האב געלערנט אין די ישיבה אין לעיקוואד בערך שנת תשל"ד, איז געווען איין טאג בימי הרחמים והסליחות ווען עטליכע בחורים פון די ישיבה האבן מחליט געווען צו נעמען א קאר און פארן קיין בארא פארק, וואו עס האט דעמאלטס געוואוינט **כ"ק הרה"ק מריבניץ זלה"ה** וועלכער איז נישט לאנג בעפאר אנגעקומען קיין אמעריקע, כדי צו זאגן סליחות מיט זיין מנין.

איך האב זיך מתחילה געשטעלט זאגן סליחות געהעריג אין די ישיבה, אבער תיכף איז צוגעקומען צו מיר א בחור פרעגן צי איך וויל מיטקומען קיין ריבניץ, האב איך מחליט געווען אז איך וועל שוין איסווארטן אויפן ריבניצער רבי'נס מנין, ער איז נאך געווען גאנץ ניי אין אמעריקע, און מ'האט געשמועסט אז דער צדיק פון רוסלאנד איז א 'חידוש' וואס מטבע הדברים זענען מיר נייגעריג געווען אים צו קענען.

דער ריבניצער רבי האט דעמאלטס געהאט א קליינעם שול'כל אויף די 16'טע עוו. ער האט געדאווענט זייער שפעט, מיר האבן קודם מיטגעהאלטן געהעריג דעם סדר היום און די סדרי הישיבה, און שפעטער זענען מיר ארויסגעפארן קיין בארא פארק.

ווען דער ריבניצער רבי איז אריינגעקומען צו סליחות האט ער אונז געפרעגט אויף זיין אויסשפראך "ס'האט שוין ווער געזאגט סליחות?" (ד.ה. צי עמיצער פון דעם מנין האט שוין געזאגט סליחות?) האבן מיר געענטפערט אז ניין, האט ער זיך אויסגעדרייט צום עמוד און געוואלט אנהייבן 'אשרי', דערוויל דרייט ער זיך אויס נאכאמאל און פרעגט "ס'האט שוין ווער געזאגט סליחות?", און מיר האבן ווידער אמאל געענטפערט 'ניין'. קומט ער צו צו מיר און פרעגט מיך "האסט נאכנישט געזאגט קיין סליחות היינט?!".

האב איך געזאגט "ניין".

פרעגט ער מיך נאכאמאל "האסטו נישט געזאגט סליחות?!".

האב איך געזאגט "איך האב נאר אנגעהויבן צו זאגן די ערשטע דריי פסוקים פון "לך ה' הצדקה" און דעמאלטס האט מיך מיר מודיע געווען איבער די נסיעה קיין ריבניץ, האב איך תיכף מפסיק געווען.

זאגט ער "האסטו דאך שוין געזאגט"...

די מעשה רעדט פאר זיך דעם גרויסן כח התפילה, אז דער ריבניצער רבי האט מרגיש געווען ברוח קדשו, אז כאטש איך האב בלויז געזאגט 'דריי פסוקים' האט דאס שוין עושה רושם געווען בשמים, און ער האט שוין מרגיש אז "האסט דאך שוין געזאגט"...

ז׳ רמו) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' מרדכי הערשקאוויטש ע"ה**

## עס וועט גארנישט זיין...

ער איז געבוירן י"ב תשרי ת"ש לפ"ק, אין די סאמע אנהויב פון די ביטערע מלחמה יארן. זיין פאטער הרה"ח ר' ארי' ע"ה איז שוין דעמאלטס געווען גערופן צו 'איינרוקן' אין מיליטער-דינסט. זייער ארבעט איז געווען אין א געגענט צווישן סיגעט און סאטמאר.

דער ברית איז אויסגעפאלן חול המועד סוכות, ח"י תשרי, אושפיזא דאהרן, האט ער געבעטן רשות אז ער זאל קענען אהיים גיין צום ברית. און ער האט באקומען ערלויבעניש אהיים צו גיין פאר איין טאג נאר צום ברית.

אונטערוועגנס צוריק צו די מיליטערישע קאזארמע, האט ער געדארפט טוישן א באן פון איין שטאט צו די צווייטע, האט אים אנגעכאפט א געוואלדיגע תשוקה צו קענען מיטלעבן די צווייטע טעג יו"ט בצילא דמהימנותא פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** אין סאטמאר.

האט ער זיך איינגעשטעלט דאס לעבן, און אנשטאט צוריק צו פארן צום מיליטער איז ער געפארן קיין סאטמאר ווי ער איז אנגעקומען הושענא רבא און זוכה געווען צו הערן דעם רבי'נס דרשה, ער איז דארט געבליבן אויך שמיני עצרת און שמחת תורה, און זיך אנגעשעפט מיט חיות דקדושה וואס ער האט שוין לאנג נישט געשפירט.

מוצאי יו"ט ווען ער האט געדארפט צוריק גיין האט אים געכאפט א מורא'דיגער פחד וואוסנדיג אז צוריק קומענדיג אין מיליטער וועט מען אים גאר שטרענג באשטראפן פארן שפעטיגן עטליכע טעג פון צוריק קומען.

איז ער אריין צום רבי'ן ז"ל און דערציילט גענוי וואס ער האט געטון, און ער האט פשוט נישט געקענט איינהאלטן זיין השתוקקות צו זיין ביים רבי'ן, און יעצט ציטערט ער צוריק צו פארן צו די מיליטערישע קאזארמע.

דער רבי איז געווארן זייער צוקאכט, ער האט ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויף זיינע באקן, און געזאגט מיט א געשריי "וואס האסטו געטון?! וואס האסטו געטון?!"... און אנגעהויבן צו שפאצירן אין ביהמ"ד הין און צוריק פארקאכטערהייט, אינמיטן האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט "דער באשעפער וועט העלפן, עס וועט גארנישט זיין"...

בטוח לבו בברכת צדיק איז ער צוריק אין מיליטער, און צו זיין גרויס וואונדער האט אים קיינער גארנישט געפרעגט און גארנישט געזאגט איבער זיין פעלן דריי עקסטערע טעג פון מיליטער, וואס דאס איז געווען א גרויסער נס לפי המציאות.

ר' ארי' ע"ה איז טאקע נפטר געווארן ביום שנעשה בו הנס, אסרו חג סוכות תשמ"ב.

ז׳ רמז) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' חיים הערש יאקאבאוויטש ע"ה**

## דרכ"י תשוב"ה הורית

דער זיידע הרב החסיד ר' חיים הערש ז"ל (היארצייט ג' תשרי, צום גדלי') האט זוכה געווען זיך צו ווייקן ביי מערערע צדיקים הקודמים, און ער איז כל ימיו געווען דולה ומשקה לדור אחרון פון די ערליכע זכרונות וואס ער האט זוכה געווען צו זעהן ביי פריערדיגע צדיקים.

מיר ווען איבערגעבן די לעכטיגע זכרונות וואס דער זיידע פלעגט דערציילן פון די הייליגע טעג ביי **הגה"ק בעל דרכי תשובה ממונקאטש זלה"ה** כלשון אמירתן, וואס טראגט מיט זיך אן אייגנארטיגן חן:

"איך האב זוכה געווען להסתופף בצל קדשו איינמאל אויף ראש השנה, און דריי מאל אויף שבועות".

ראש השנה האט דער דרכי תשובה געדאווענט פארן עמוד מיט א געוואלדיגע מתיקות, ער האט געהאט זייער א זיסע שטימע וואס איז זיך צוגאנגען אין אלע ביינער, מוזיקאליש, דער נוסח איז געווען פונעם זיידן **רבי ר' הערש מיילעך, דער בני יששכר** זי"ע, וועלכער איז געווען באקאנט אלס א ערליכער בעל תפילה.

דער זון דער מנחת אלעזר איז אויך געווען א שיינער בעל תפילה, אבער עס איז נישט צוגעקומען צום ערליכן דאווענען פונעם טאטן.

ווען דער דרכי תשובה האט אנגעהויבן די שטילע שמונה עשרה פון מוסף ראש השנה, האט די ערשטע ברכה אליין געקענט נעמען צוויי שעה, עס זענען געווען אפן פאר איהם עטליכע סידורים, כתבי האר"י, ער האט מעיין געווען אין די סידורים. עס איז געווען א טייל ציבור וואס פלעגט דעמאלטס זאגן תהילים.

איך געדענק ווי איך האב באטראכט ווי הרה"ח ר' חיים אהרן עסטרייכער ע"ה ער האט אין די צוויי שעה אויסגעזאגט גאנץ תהילים, ווילאנג דער רבי האט מאריך געווען אין די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה.

די גאנצע מלכיות זכרונות שופרות איז געווען עפעס מורא'דיג, בפרט די "ונאמר" האט דער דרכי תשובה געזאגט מיט אזא זיסקייט, אה, דער "הבן יקיר לי אפרים" איז געווען מיט אזא נעימות און השתוקקות, ער האט דאס געזינגען מיט הערליכע תנועות. רבי חיים בער ע"ה (גרינפעלד, משב"ק) איז דעמאלטס געווען הויז-בחור, און ער האט אים ארויסגעהאלפן מיטן דאווענען ביים עמוד".

איך האב נאך לעצטענס דערמאנט פאר ר' חיים בער א ניגון וואס ער האט געזינגען ביים דרכי תשובה. עס איז אים געווען א חידוש ווי איך געדענק דעם ניגון ווייל ער האט דאס שוין כמעט געהאט פארגעסן.

דעם צווייטן טאג ראש השנה ביים טיש האט מען געזינגען א שיינעם ניגון אויפן פיוט פון שחרית ״שמו מפארים״.

ב. אויבנאן אויפן מזרח וואנט אין ביהמ״ד פונעם דרכי תשובה פלעגט זיצן א איד א זקן מיטן נאמען רבי הערש, ער האט נאך געדענקט דעם בני יששכר זי״ע. איך געדענק נאך ווי מ׳האט מיר געוויזן אז איך זאל קוקן אויף דעם איד וואס האט נאך געזעהן דעם הייליגן בני יששכר.

״דער רבי הערש האט דערציילט אז דער בני יששכר פלעגט גיין יום כיפור מיט בארוועסע פיס, ער האט נאר געהאט זייער לאנגע הויזן וואס האט אויך פארדעקט די פיס האט מען דאס נישט געזען. (עי׳ בספר אלף כתב (אות תשל״ג) אז דער בני יששכר האט זיך אזוי געפירט ווייל ער האט אנגענומען דעם שיטת הב״ח אז מ׳זאל אויך נישט גיין מיט זאקן יום כיפור.)

ג. דער דרכי תשובה פלעגט אנרופן די צווייטע טעג סוכות ״יחודא שלים״. אין ספה״ק בני יששכר ווערט אנגערופן דער מאמר אויף שמיני עצרת ״יחודא שלים״. ער פלעגט זאגן מיט א ספעציעלע תנועה׳לע ״דער זמן פון שאל מה דבעי, מ׳קען זיך אויסבעטן״.

״בשעת ווען דער דרכי תשובה פלעגט זאגן די שטיקלעך ׳חרדים׳ ביי די הקפות וואס זענען מלאים השתוקקות געגועין וכיסופין צו השי״ת האט ער געוויינט מאין הפוגות״. די ווערטער ״זכנו, זכנו, זכנו לקדש רמ״ח אברינו״ דאס האט געהאט א ספעציעלע נוסח מיט שטארקע געגועין וכיסופין.

ד. אין מונקאטש איז געווען א גר מיטן נאמען רבי אברהם יוסף ע״ה, דער דרכי תשובה פלעגט איהם זייער שטארק מקרב זיין. ביים טיילן שיריים האט אים דער דרכי תשובה גערופן ׳אברהמ׳עלע דער גר׳... און ווען ער איז צוגעקומען האט ער געזאגט ׳הנני מוכן ומזומן לקיים מצות עשה של ואהבתם את הגר׳ און ער האט אים געגעבן א קוש אין שטערן. שמחת תורה ביי די הקפות פלעגט ער טאנצן מיט איהם.

(איבער דעם ענין פונעם גר ר׳ אברהם יוסף, דערציילט **כ״ק אדמו״ר ממונקאטש שליט״א** אז זקינו המנחת אלעזר ז״ל איז געווען דער מוהל ביים ברית פונעם גר, ער איז געווען א גרויסער בחור, און דער ברית איז געווען אין שטוב פונעם מנחת אלעזר וועלכער האט געמאכט חיתוך פריעה ומציצה.

פסח ביינאכט ביים סדר פונעם דרכי תשובה ז״ל האט אים דער מנחת אלעזר ז״ל געזעצט נעבן זיך, און ער האט געזאגט אז ער איז מיט דעם אויך מקיים מצות סיפור יציאת מצרים, ווי עס שטייט אין פסוק ״ואהבתם את הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים״. - רבי אברהם יוסף האט שפעטער זיך געצויגן קיין ארץ ישראל, און ער האט געוואוינט אין צפת.)

ז׳ רמה) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ יושע מענדלאוויטש שליט״א** משב״ק

## הערן דעם רבי׳נס ליינען שירת האזינו

עס ליגט מיר אין זכרון איז געווען בשנת תשכ״ח לפ״ק ווען עס איז געווען צוגאסט פון אנטווערפן **כ״ק הרה״ק רבי איציקל מפשעווארסק זצוק״ל**, וועלכער איז געקומען צו פארן צום רבי׳ן ז״ל אויף ראש השנה. יענעם יאר איז אויסגעפאלן שבת שובה תיכף נאך יו״ט.

ראש השנה ביינאכט האט ער געדאווענט נעבן דעם רבי׳ן ז״ל, און דער רבי האט אים ארויסגעוויזן א גרויסע קרבות. ביים זאגן ׳לשנה טובה׳ האט אים דער רבי געזעצט נעבן זיך אויפן ארון הקודש בשעת דער ציבור איז אריבער וואונטשן.

ביי מוספין האט מען אים צוגעשטעלט א עקסטערע מכובד׳יגע בענקל מיט א שטענדער, אויך א פיסן-בענקל צוליב זיינע ווייענדיגע פיס.

שבת צופרי האט ער געזאגט אז ער וויל גיין דאווענען ביים רבי׳ן, די גבאים האבן שוין געהאט צוגעגרייט אן אייגן מנין, און ער האט ביטער געליטן אויף די פיס, האבן זיי אים געזאגט אז דער רבי דאווענט סיי ווי נישט פארן עמוד שחרית יעדן שבת שובה (כידוע אז דער רבי פלעגט געווענליך דאווענען יעדע וואך פארן עמוד, אויסער שבה״ג און שבת שובה האט ער נישט געדאווענט, אנגעבנדיג דעם טעם, היות ער זאגט נישט קיין דרשה זינט ער איז געקומען קיין אמעריקע, האט ער געוואלט אז דער ציבור זאל גיין דאווענען ביי די רבנים וואס פלעגן זאגן די דרשה פארן ליינען, כידוע די נאנטע מקורבים און משמשים פלעגט ער הייסן גיין צו כ״ק מרן רבינו הברך משה זלה״ה).

האט רבי איציק׳ל געזאגט ״כאטש דער רבי דאווענט נישט פארן עמוד, אבער ער ליינט דאך אין די תורה, און איך וויל זייער הערן דעם רבי׳ן ליינען שירת האזינו״...

וכך הוה, רבי איציק׳ל איז טאקע געקומען דאווענען אין ביהמ״ד, ולפלא האט דער רבי יענעם יאר געליינט שירת האזינו מיט אזעלכע קולי קולות, עס האט זיך געקענט דוכטן אז ער ליינט די עשרת הדברות.

ז׳ רמט) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ שלום אליעזר פראנקעל הי״ו** גזבר דקהלתינו הק׳

## זכר זאת ליעק״ב

איך האב זוכה געווען בימי בחרותי צו לערנען במשך אנדערט-האלבן יאר בחברותא מיט להבחל״ח **כ״ק הרה״ק רבי ישעי׳ יעקב זצוק״ל מסקולען**, אין די סאטמארע ישיבה אין סענדז סט.

שוין אין יענע יארן האבן די בחורים אין די ישיבה זייער געהאלטן פון איהם, מ׳האט געזעהן זיין געהויבענע התנהגות מיט געוואלדיגע גינוני קדושה, זיין עבודת התפילה איז געווען להפליא, און זיין לערנען איז געווען בעיון גדול.

איך וועל איבערגעבן עטליכע זכרונות וואס איך געדענק וואס ער פלעגט מיר דערציילן אין יענע יארן.

א. יעדן שב״ק פלעגט ער פארן קיין קראון הייטס צו זיין ביים זיידן **כ״ק הרה״ק בעל נועם אליעזר זלה״ה**, און זונטאג ווען ער איז צוריק געקומען אין די ישיבה האט ער אלס געהאט א תורה נאכצוזאגן פונעם זיידן, מיט א פרישע תנועה׳לע אדער א נייער ניגון פונעם זיידן.

ער פלעגט מיר זאגן אז דער זיידע האט אים געזאגט אז ״א ניגון האט א כח אז מ׳זאל געהאלפן ווערן, איך האב מורא אז איך וועל דאס פארגעסן, פארגעסן קען איך אליין, צו דעם דארף איך נישט צוקומען צו דיר, זאג איך דאס פאר דיר אויך אז דו זאלסט מיר דאס דערמאנען מוצש״ק״...

געווענליך מוצש״ק פלעגט ער אים דאס דערמאנען, און דער זיידע האט דאס אריינגעזינגען אין א טעיפ רעקארדער.

ב. איינמאל האב איך אים געבעטן א טובה אז ער זאל מיטנעמען פון מיר א בריוו, און ער זאל דאס אריינווארפן אין פאסט-קעסטל. איך בין געווען א אויסלענדישער בחור, און איך האב געדארפט האבן עקסטערע סטעמפס, און ער האט געזאגט אז ער וועט דאס מסדר זיין פאר מיר.

נאך שבת האט ער מיר דערציילט אז דער זיידע האב אים דאס נישט געלאזט ארויסשיקן פרייטאג ערב שבת, ווייל עס זענען דא אידן וואס ארבעטן ליידער אויך שבת אין די פאסט און ער האט חושש געווען אז זיי זאלן נישט נכשל ווערן אין חילול שבת וועגן דעם בריוו.

ג. איינמאל האט ער מיר דערציילט אז עס איז געווען צוגאסט אויף שבת אן אייניקל פון די רביצין (בזו״ש) הרבנית יענטיל ע״ה (אשת בזו״ר פון הרה״ח ר׳ ברוך יודא לעבאוויטש ע״ה) וואס האט געגעסן ביי די סעודה מיט אן אויסטערלישן אפעטיט, און די באבע האט אים זייער שארף פארגעהאלטן דערויף. האט זיך דער סקולענער רבי אנגערופן צו איר ״שבת שטערט מען נישט קיין איד פון עסן״...

ווען די רביצין איז ארויסגעגאנגען אריינצוברענגען דעם קומענדיגן מאכל, האט זיך דער סקולענער רבי געווענדן צום בחור׳ל און אים געזאגט מיט זיין איידעלן לשון ״עם כל זה, איז שענער צו עסן איידל, שטאטליך, קיינער נעמט דיר נישט אוועק דאס עסן, קענסט עסן וויפיל דו ווילסט, אבער עס מיט א רוהיגקייט און איידלקייט״.

ז׳ רנ) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ חיים יחזקאל בערקאוויטש שליט״א** ר״מ בישיבה״ק

## ישמחו השמי״ם ותגל האר״ץ

עס האט מיר דערציילט דודי הרה״ח ר׳ שבתי מרדכי בערקאוויטש ז״ל מנהל התאחדות הרבנים, אז ער פלעגט גאר אפט אריבערגיין לביתו נאוה קודש פון **כ״ק אדמו״ר מסקווירא זלה״ה** בשליחות הקודש פון **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה**, און מיט אים איבערשמועסן ענינים העומדים על הפרק, וואס דער רבי האט געשפירט אז עס איז זייער וויכטיג אז ער זאל וויסן און זיין אינפארמירט.

תחת אחת השיחים האט דער סקווערער רבי אים געפרעגט ״וואס גייט פאר אז דער סאטמארער רבי מוטשעט זיך אזוי שווער מיט א שטעטל, ער וויל אויפבויען א שטעטל מחוץ לעיר, און עס ארבעט זיך נישט אויס נאך אזויפיל יארן אריינלייגן אזויפיל כוחות און געלט״.

האט רבי שבתי מרדכי געענטפערט ״עס פירט זיך נישט מן השמים״...

האט דער סקווערער רבי געזאגט ״איך מיין, אז מן השמים וויל מען עס זיכער יא, עס האט נישט מן ׳מן השמים׳, איך האב מורא אז דאס וואס עס ווערט נישט קיין שטעטל האט מער מיט ׳מן הארץ׳... (דהיינו אז זענען דא מענטשן אויף דער ערד, בעלי בחירה, וואס לייגן אונטער שטיינער אויפן וועג אז דער פלאן זאל נישט מצליח זיין).

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת, אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**